**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט $8 מיליאן צו פאראויס רוקן זערא קארבאן מולטי-פאמיליע געביידעס**

***ניין פראעיקטן אין געביידעס פון אויסערגעווענליכקייט קאנקורענץ רוקן פאראויס נאכגעמאכטע נייע געבוי און נידריג-קארבאן רעטראפיט לעזונגען פאר מולטי-פאמיליע געביידעס***

***פריע-שטאפל דעזיין געלטער אויך געמאלדן צו שטיצן דאס אריינארבעטן פון ווייניג קארבאן לעזונגען פונעם אנהויב פון דעזיין***

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געשאנקען $8 מיליאן צו ניין פריאעקטן דורך די פערטע רונדע פון די $58 מיליאן געביידעס פון אויסערגעווענליכקייט קאנקורענץ, וואס צילט צו פאראויס רוקן זערא-קארבאן מולטי פאמיליע געביידעס אין ניו יארק. אין צוגאב צו די שענקונגען פאר צייגונג פראיעקטן, איז $2 מיליאן אויך געמאלדן געווארן פאר פריע-שטאפל דעזיין שטיצע צו העלפן פארזיכערן אז די מערסטע קאסט-אפעקטיוו ווייניג קארבאן לעזונגען ווערן אריינגעארבעט אינעם פראיעקט פונעם אנהויב פונעם דעזיין. די קאנקורענץ איז א וויכטיג צו פארשנעלערן די סטעיט'ס פארשריט צו די קלימאט פירערשאפט און געמיינדע באשיצונג אקט (Climate Act) ציל צו רעדוצירן גרינהאוז גאז עמישנס מיט 85 פערצענט אויף 2050 און דעם גאווערנער'ס ציל צו אנטוויקלען צוויי מיליאן קלימאטן-פריינטליכע הייזער.

"ניו יארק טוט ווייטער פירן דעם וועג אין דעליווערן ריינע, זיכערע און עפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענטס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פראיעקטן געשאנקען היינט לייגט צו א סטעיט ווייזע פארטפאליא וואס טוט צושטעלן א קריטישע בלופרינט פאר געביידע אייגנטומער צו נאכפאלדן אין איינשריקן זייער קארבאן פוסטריט."

די היינטיגע מעלדונג איז געמאכט געווארן בשעת א שענקונג צערעמאניע ביי די אמעריקאנע אינסטיטוט פון ארכיטעקטן ניו יארק אפטיילונג (American Institue of Architects New York Chapter, AIA-NY) צענטער פאר ארכיטעקטור אין ניו יארק סיטי. אנגעהויבן אין 2019, איז דער פראגראם די איינציגסטע פון איר סארט אינעם לאנד און ווערט געפירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסורטש און דעוועלאפמענט אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority - NYSERDA) צו צושטעלן פינאנציעלע מוטיגונג און אנערקענונג פאר דעזיין, געבוי, און פירונג פון ריינע, שטארקע, ווייניג- אדער קיין-קארבאן ארויסגעבונג געביידעס. די פארמעסט טוט פריאריטיזירן האוזינג און ענערגיע עפארדעבילטי, אונטערשטיצנדיג דעם קלימאט אקט'ס ציל צו פארזיכערן אז כאטש 35 פערצענט, מיט א ציל פון 40 פערצענט, פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען שטיצן גע'רודפ'טע געמיינדעס. מיט די באלויונגען, האט NYSERDA געשאנקען א צאל פון 65 מאדערנע נייע געביידעס און דורכדרינגליכע רענאווירונגען פראיעקטן דורכאויס די פארמעסט, און מער ווי צוויי דריטל פון

די בעסטע ניי געבויטע געביידעס סערווירן עפארדעבל האוזינג מארקעטס מיט 37 וואס זענען אין געֿרודפ'טע געמיינדעס.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דאורין מ. העריס האט געזאגט,** "אדרעסירן שעדליכע קארבאן עמישנס אין אונזער געביידע סעקטאר איז א גרונדשטיין פון גאווערנער האקול'ס נאציאן-פירנדע קלימאט אגענדע. די געווינענדע פראיעקטן דעמאנסטרירן געוואלדיגע פארשריט אין נידריג-קארבאן געביידע אויסשטעל וואס שטעלט א נייע סטאנדארט פאר ענווייראנמענטאל פריינטליכע געבוי און אנפירונג. דורך ארבעטן מיט אונזער אינדוסטריע שותפים צו אנטוויקלען שליסליכע לעזונגען און דעזיינס, וועט עס אונז רוקן איין טריט פאראויס צו עררייכן די סטעיט'ס ריינע ענערגיע צילן און מיר באגריסן אלע פון די הייגטיגע געווינער פאר זייער אויסנאמע פראיעקטן."

פראגראם אפליקאנטען זענען געווען פארלאנגט צו אויפווייזן קאסט-אפעקטיוו, וויניג-קארבאן אדער קארבאן-נייטראלע דעזיינס וואס ברענגן פארדינסטן פאר דעוועלאפערס, שטעלן צו פאראויסגעזענע פארדינסט און קאסטן, און שטעלן צו א מעגליכקייט צו קאנקורירן, דערווייל וואס עס שטעלט צו באקוועמע, געזונטע און אפארדעבל פלעצער פאר געביידע איינוואוינערס. די פראיעקטן וואס האבן געוואנען זענען אויך פארלאנצט צו צושטעלן פולשטענדיגע אינפארמאציע וועגן דעזיין, געבוי, און קאסטן וואס קענען ווערן אנאליזירט און מיטגעטיילט צו פארמערן די צאל פון וויניג- און קיין-קארבאן געביידעס אין ניו יארק סטעיט.

טייל פון די הייגטיגע געווינער דעמאנסטראציע פראיעקטן שליסן איין:

1. **אפארדאבעל האוזינג:** אכט פון די ניין געביידעס וואס וועלן ווערן געבויעט וועלן סערווירן נידריג-צו-מיטלגארטיגע איינקונפט קונים; זיבן פון די ניין געשאנקענע פראיעקטן וועלן סערווירן געֿרודפ'טע געמיינדעס.
2. **זערא עמשינס/קארבאן נייטראל גרייט:** 100% פונעם פראיעקט איז געמאכט גענצליך-עלעקטריקט און קארבאן נייטראל גרייט, דאס מיינט זיי זענען שטארק עפישענט און נוצן נישט קיין פאסיל פיול ברענען אויפן ארט פאר טעגליכע פירונג.
3. **פאסיווע הויז סטאנדארט:** אלע פראיעקטן זענען געטריי צו א פאסיוו הויז סטאנדערט, דאס מיינט דעזיין צו בוי/איבערבוי פון גאר ענערגיע עפישענט סטאנדארטן, וואס אין די זעלבע צייט שטעלט צו גאר הויכע שטאפלען פון באקוועמליכקייט, געזונט און שטארקקייט פאר די איינוואוינערס פונעם געביידע.
4. **סאלאר ענערגיע איינשלוס:** זיבן פראיעקטן טוען נוצן סאלאר ערצייגונג, מיט איין וואס נוצט ענערגיע סטארעדזש.

**די געביידעס פון אויסצייכענונג רונדע דריי געווינערס זענען:**
**Capital Region: $1 מיליאן**

1. **Livingston Apartments Phase II, 317 Northern Boulevard, Albany, NY *****

**געביידע סארט:** נידריג-צו-מעסיג פארדינסט איינוואוינערשאפט:
**סטאנדארטן:** דעזיינט נאכצוקומען פאסיווע הויז סטאנדארט
**דעוועלאפער:** Soldier On and Winn Development
**דעזיינער:** SWBR

**Mid-Hudson: $124,000**

1. ***North Miller Passive II, 193 North Miller Street, Newburgh, NY**

**געביידע סארט:** נידריג-צו-מעסיג פארדינסט איינוואוינערשאפט:
**סטאנדארטן:** דעזיינט נאכצוקומען פאסיווע הויז סטאנדארט

**דעוועלאפער:** Stephen Taya Property Development
**דעזיינער:** Northeast Projects

**ניו יאָרק סיטי: 6.9$ מיליאן (זיבן פראיעקטן)**

1. **247 E. 117th Street, New York, NY ***
**געביידע סארט:** מארקעט ראטע פאר איינוואוינער
**סטאנדארטן:** דעזיינט נאכצוקומען פאסיווע הויז סטאנדארט
**דעוועלאפער:** 247 E 117th Street LLC
**דעזיינער:** AOSM Architecture, DPC

2. **819 Grand, 819 Grand Street New York, NY ***
**געביידע סארט:** געמישטע באנוץ קאמערציאל און נידריג צו מיטלמעסיג אינקונפט פאר איינוואוינער
**סטאנדארטן:** דעזיינט נאכצוקומען פאסיווע הויז און Enterprise Green Communities סטאנדארטן
**דעוועלאפער:** St Nicks Alliance
**דעזיינער:** Curtis + Ginsberg

3. **Arverne East – Building D, 116 Beach 26th Street, Queens, NY ***
**געביידע סארט:** געמישטע באנוץ קאמערציאל און נידריג צו מיטלמעסיג אינקונפט פאר איינוואוינער
**סטאנדארטן:** דעזיינט נאכצוקומען פאסיווע הויז און Enterprise Green Communities סטאנדארטן
**דעוועלאפער:** L&M Development Partners
**דעזיינער:** FXCollaborative Architects LLP

4. **The Beacon, 413 East 120th Street, New York, NY ***
**געביידע סארט:** נידריג-צו-מעסיג פארדינסט איינוואוינערשאפט:
**סטאנדארטן:** דעזיינט נאכצוקומען פאסיווע הויז און Enterprise Green Communities סטאנדארטן
**דעוועלאפער:** The Community Builders Inc און Ascendant Neighborhood Development Corp.
**דעזיינער:** Paul A Castrucci Architects

5. **Carmen Villegas Apartments (CVA), 101 E. 110th Street, New York, NY *****
**געביידע סארט:** געמישטע באנוץ קאמערציאל און נידריג צו מיטלמעסיגע איינקונפט איינוואוינער **סטאנדארטן:** דעזיינט נאכצוקומען פאסיווע הויז און Enterprise Green Communities סטאנדארטן
**דעוועלאפער:** Ascendant Neighborhood Development Corp., Urban Builders Collective, און Xylem Projects
**דעזיינער:** Magnusson Architecture and Planning (MAP)

6. **Malcolm Shabazz Harlem Plaza, 52 W. 116th Steet, New York, NY ****
**געביידע סארט:** געמישטע באנוץ קאמערציאל און נידריג צו מיטלמעסיג אינקונפט פאר

איינוואוינער
**סטאנדארטן:** דעזיינט נאכצוקומען פאסיווע הויז און Enterprise Green Communities סטאנדארטן
**דעוועלאפער:** Malcolm Shabazz Development Corporation
**דעזיינער:** Ettinger Engineering Associates

7. **Three Arts, 340 West 85th Street, New York, NY** **
**געביידע סארט:** נידריג-צו-מעסיג פארדינסט איינוואוינערשאפט:
**סטאנדארטן:** דעזיינט נאכצוקומען פאסיווע הויז און Enterprise Green Communities סטאנדארטן
**דעוועלאפער:** וועסט סייד פעדערעישן פאר סיניאר און סופארטיוו האוזינג
**דעזיינער:** Curtis + Ginsberg Architects

* פראיעקט איז א BOE געווינער אין א גע'רודפ'טע געמיינדע (disadvantaged community, DAC)
** פראיעקט איז א BOE געווינער און א בלוי ריבאן פאר דעזיין שיינקייט געווינער.
*** פראיעקט איז א BOE און בלוי ריבאן פאר דעזיין געווינער און אויך אין א DAC.

פאר א גאנצע ליסטע פון אלע געביידעס פון אויסצייכונגע געווינער פראיעקטן, ביטע באזוכטס'NYSERDA וועבזייטל.

אין צוגאב, די פאנדינג ארויסגעגעבן היינט אלס טייל פון די איינגעזאמטע $2 מיליאן Early Design Supportבאשטאנדטייל שטעלט צו קריטישע טעכנישע הילף אויף א פראיעקט-ביי-פראיעקט באזיס צו די פירמעס וואס רוקן פאראויס מולטי-פאמיליע דעזיין כדי צו נאכקומען אדער איבערשטייגן צוקונפטיגע קאוד פאדערונגען, עררייכן הויכע אויפפירונג, און מאקסימיזירן דעם אקופירער'ס געזונט און באקוועמליכקייט.

**Early Design Support פראיעקטן זענען:**
**ניו יארק סיטי**
1. CVA+Casita****: מאגנוסאן ארכיטעקטור און פלאנירונג PC - ניו יארק, ניו יארק
2. Three Arts****: קורטיס + גינסבורג ארכיטעקטס - ברוקלין, ניו יארק
3. Shore Hill Development ****: קורטיס + גינסבורג ארכיטעקטס - ברוקלין, ניו יארק
4. The Beacon****: Paul A. Castrucci Architects - New York, NY
5. Sol on Park: מאגנוסאן ארכיטעקטור און פלאנירונג PC - ניו יארק, ניו יארק

**קעפיטל דיסטריקט**
1. 1818 Fifth Ave Passive House****: סאסטעינעבל קאמפארט Inc. - טרוי, ניו יארק
2. The Lafayette****: Sustainable Comfort Inc. – Schenectady, NY

**צענטראלע ניו יארק**
1. Syracuse Bread Factory: Taitem Engineering - Syracuse, NY

**מאוהאק וואלי**
1 באנק לאפט: River Architects – Richfield Springs, NY
2. EcoFlats ביי Log סיטי****: בלעק מאונטען ארכיטעקטור - אמסטערדאם, ניו יארק

**דרום טייל ראיאן**
1. אינלעט איילענד: Sustainable Comfort Inc. – Ithaca, NY

**** פראיעקט איז אויך א יעצטיגע אדער פריערדיגע געביידע פון אויסערגעוועגליכקייט דעמאנסטראציע פראיעקט געשאנק געווינער.

אלע פון די Early Design Support פראיעקטן אין ניו יארק סיטי און די דרום טייל דעליווערן נידריג- צו מיטלגארטיגע-איינקונפטיגע (low- to moderate-incoming, LMI) האוזינג בשעת די פארבליבענע פראיעקטן דעליווערן מארקעט ראטע האוזינג.

**פאבליק סערוויס קאמישן טשעיר Rory M. Christian האט געזאגט,** "רעדוצירן קארבאן עמישנס פון אונזער געביידע סטאק איז א וויכטיגע באשטאנדטייל פון אונזער איניציאטיוו צו שאפן א ריינע עקאנאמיע. באגריסונגען צו אלע אונזערע מיטארבעטער אין די פראגראם פאר אן ארבעט וואס איז גוט געטוהן געווארן."

**ניו יארק סטעיט האומס און קאמיוניטי רעניוועל קאמישאנער רוטענע וויסנאוסקאס זאגט,** "דורך די Buildings of Excellence פארמעסט, טוט די סטעיט העלפן בויען א ריינערע, גרינערע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער. די נייע געשאנקענע פראיעקטן טוען וויזן אונזער געטריישאפט צו שאפן א זערא-קארבאן מולטי פאמיליע געביידעס אין געמיינדעס איבער די סטעיט און אונזער פארפליכטונג צו נאכקומען אונזער אמביציעזע קלימאטן צילן אויסגעשריבן אין די Climate Leadership and Community Protection Act. א דאנק גאווערנער האקול און NYSERDA פאר זייער פירערשאפט בשעת ניו יארק טוט ווייטער שטעלן דעם סטאנדארט פאר ענווייראנמענטאל פאראנטווארטליכע דעוועלאפמענט, אויפווייזנדיג אז נאכהאלטיגקייט און עפארדעבילי קענען גיין האנט און האנט."

**סטעיט סענעטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז געביידעס זענען איינע פון די גרעסטע ביישטייערער צו די גרינהאוז גאז עמישנס אין ניו יארק סטעיט. NYSERDA'ס 4טע יערליכע Buildings of Excellence Competition איז א ביישפיל וויאזוי מיר קענען ערגרייכן אונזער Climate Act צילן, ספעציפיש אין גע'רודפ'טע געמיינדעס, דורך פראיעקטן וואס רעדוצירן עמישנס אין געביידעס בשעת'ן דעליווערן בענעפיטן צו ניו יארקער וואס וואוינען אין עפארדעבל האוזינג."

**אסעמבלימעמבער דידי בארעט האט געזאגט,** "אלס א לאנגיעריגע לייסטערער פאר האוזינג וואס איז סיי ענערגיע-שפארזאם און עפארדעבל, בין איך צופרידן צו זעהן אז נאך $8 מיליאן איז געווארן געשאנקען דורך די פערטע רונדע פון Building of Excellence Competition. רעפראדוצירבארע קאסט-אפעקטיווע, זערא-עמישן פראיעקטן ווי די זענען קריטיש אין העלפן ניו יארק סטעיט דערגרייכן אונזערע אמביציעזע קלימאטן צילן."

**אסעמבלימעמבער דבורה גליק האט געזאגט,** "ניו יארק טוט ווייטער פירן אין שטיצע פאר ענווייראנמענטאלע דעוועלאפמענט דורך שאפן קאנקורירנדע גרענטס פארבינדן צו ערפינדונג. די געווינער טוען דעמאנסטרירן אז אונזער Climate Act צילן זענען עררייכבאר און אז זיי מוטיגן דעוועלאפער צו אינוועסטירן אין פראיעקטן וואס זענען קאנצענטרירט סיי אויף עפארדעבל האוזינג און זערא קארבאן דעזיין. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און NYSERDA פרעזידענט דאורין העריס פאר זייערע שטארקע פארפליכטונג צו רעדוצירן פארפעסטיגונג און אונזער אפהענגיגקייט אויף פאסיל פיולס, און ארבעטן צו דערגרייכן אונזער קלימאטן צילן."

**AIA NYS פרעזידענט ווילי זאמבראנא האט געזאגט,** "די Buildings of Excellence פארמעסט, גלייך מיט AIANYS'ס מיסיע, טוט אונטערשטרייכן די קריטישע ראלע פון ארכיטעקטישע ערפינדונג אין מילדערן קארבאן עמישנס אין די געבויטע אנווייראנמענט. דורך אויסהייבן נאכהאלטיגע דעזיין לעזונגען, טוט AIANYS, אין צוזאמענארבעט מיט NYSERDA, פאראויס רוקן פרואוון צו באקעמפן קלימאטן טויש בשעת'ן אויך אדרעסירן די ציל פאר אינקלוסיווע האוזינג אפציעס איבער ניו יארק סטעיט."

**AIA NY עקזעקיוטיוו דירעקטאר דזשעסי לאזאר האט געזאגט,** "AIA ניו יארק איז זייער שטאלץ זיך צו האבן פאראייניגט צוזאמען מיט NYSERDA זינט די אנהויב פון איר Buildings of Excellence פראגראם, וואס שפילט א קריטישע ראלע אין מאכן קארבאן-נייטראלע, זערא-עמישן האוזינג צוגענגליך איבער אונזער סטעיט. Buildings of Excellence טוט דירעקט אדרעסירן טייל פון אונזערע גרעסטע שוועריגקייטן אלס א געמיינדע טיף אינוועסטירט אין די צוקונפט פון אונזער געבויטע ענווייראנמענט. די פראיעקטן געשאנקען אין רונדע 4 זענען טוישנד אין עטליכע וועגן, צושטעלנדיג מאדעלן און דעזיין לעזונגען וואס העלפן אונז פירן צו א מאסנאמע בעסערע לעבן, געשפענדט אין געביידעס וואס זענען געזונטער, מער עפארדעבל, און מער דויערהאפטיג."

**FAIA, AIA National 2023-2025 פרעזידענט, AIA NYS 2021 הויפט דירעקטאר, גרינדונגס מנהל פון LAB architect PLLC and Assoc+. פראפעסער, New York City College of Technology, CUNY) איליע אזאראף האט געזאגט,** "די פראיעקטן טוען אנערקענען און באלוינען דורך די געביידעס פון אויסנאמקייט פארמעסט זענען אן עדות צו די פאזיטיווע ווירקונגען וואס מיר קענען האבן פירנדיג אונזערע געמיינדעס צו א בעסערע צוקונפט. דורך פאראויס רוקן די בעסטע ענווייראנמענט וואכזאמע דעזיינס וואס בויען גלייכקייט, טוען מיר דעמאנסטרירן אז מיר קענען זיין די טויש וואס מיר ווילן זעהן אין די וועלט אויב מיר ארבעטן צוזאמען. די פראיעקטן שליסן איין א פרעימווארק פאר דעזיין אויסצייכענונג וואס קומט נאך די פראבלעמען פון קלימאט טויש און איז דער עיקר פון דעם פראגראם."

**ארכיטעקטוראלע ליגע פון ניו יארק עקזעקיוטיוו דירעקטאר דזשעיקאב מאור האט געזאגט,** "נאכאמאל, טוט NYSERDA'ס Buildings of Excellence פראגראם קאטיליזירן, שטיצן, און שיינען א ליכט אויף פראיעקטן דורך דעזיינער און דעוועלאפער וואס זענען פארפליכטעט צו די שאפונג פון א מער שטאנדהאפטיגע, נידריג-קארבאן צוקונפט פאר ניו יארקער.  די ארכיטעקטורעל ליגע איז שטאלץ צו ארבעטן מיט NYSERDA צו מאכן אלגעמיינע דעזיין קוואליטעט-- ארייננגערעכנט וויכטיגע באציונגען מיט געביידע זייטלעך, שטארקע באציונגען מיט קאמיוניטי פארמעגינס, ארייננגערעכנט פובליק טראנספארטאציע, און א שטארקע געוויכט אויף געזונט, באקוועמליכקייט און שיינקייט--א וויכטיגע טייל פונעם אפשאצונג פון געביידעס פון אויסצייכענונג פראיעקטן."

**Steven Winter Associates דירעקטאר פון פעסיוו האוזלאוס ארענא האט געזאגט,** " Buildings of Excellence פראיעקטן זענען די ערשטע פון זייער סארט. אלע דעמאנסטראציעס פראיעקטן געשאנקען אין די רונדע האבן אויסגעפירט די פאסיוו האוז סערטיפיקאציע - זיי בויען טעכנישע מעגליכקייט און הייבן אויס ברייטערע מארקעט אדאפטירונג פון פאסיוו הואז סערטיפיקאציע אין NYS."

NYSERDA ערווארטעט צו אנהויבן רונדע פינף פון די פארמעסט אין די קומנדע מאנאטן פאר פריע-שטאפלען דעזיין פראיעקט פארשלאגן פון דעוועלאפערס און זייערע דעזיין שטאבן וואס אינטעגרירן קארבאן נייטראלע אייגנשאפטן אין זייערע פריע פלענער און געפלאנטע דעזיין פאזעס און פירן צו די קאסט-עפעקטיווע געבוי און פערענדיגונג פון ביישפיל מולטי-פאמיליע געביידעס.

די היינטיגע מעלדונג ערגענצט ניו יארק'ס אנגייענדע אינוועסטירונגען צו מאדערניזירן די סטעיט'ס געביידע סטאק. געביידעס זענען איינע פון די גרעסטע קוועלער פון גרינהויז גאז ענישנס אין ניו יארק סטעיט און אינטעגרירן ענערגיע טיכטיגקייט און עלעקטריפירונג מאסנאמען אין נייע און עקזיסטירנדע געביידעס און וועלן רעדוצירן קארבאן פארפעסטיגונג און העלפן ערגרייכן מער נאכהאלטיגע, געזונטע, און באקוועמע געביידעס. דורך NYSERDA און אנדערע יוטיליטי פראגראמען, ווערן איבער 6.8 ביליאן דאלאר אינוועסטירט צו אראפנעמען געביידעס פון קארבאן כדי צו ערגרייכן די סטעיט'ס ציהלן, ארייננרעכנענדיג NYSERDA'ס איבער 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין נייע קאנסטרוקציע, צופאסנדע איבערבויאונג און 'גאָט' רענאוואציע פראיעקטן אין אפארטמענט געביידעס פאר פראפערטיס

װעלכע װערן פארקויפט פאר געװענטליכע פרייזן אדער פאר ביליגע פרייזן ספעציעל פאר מענטשן מיט נידעריג-ביז-מיטלמעסיגע איינקונפט.

פינאנצירונג פאר דעם פראגראם קומט פון די סטעיט'ס 'ראַאישנישע שעדליכע גאזן אינציאטיװ' (Regional Greenhouse Gas Initiative) און פון די 6 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund). מען קען באקומען מער אינפארמאציע װעגן דעם פראגראם און אװעילעבל געלטער פון דעם אויף [NYSERDA װעבזייטל](NYSERDA).

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם װאס שאפט נייע דזשאבס װעלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום װייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינװעסטירונגען קומען אן צו שװאכערע קאמיוניטיס. װערנדיג געװיזן די װעג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיװע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיװן, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינװעסטירונג (-New York Cap and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען װאו עס איז געװען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגרייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע װערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינװעסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיװן און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקער גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינװעסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע װאוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קװאליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאזשיר קארן און טראקס װעלכע װערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען װייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיװ אין 10 שװאכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיװ טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאװערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די װערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן